מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **וארא - בא** תשפ"ג ◆ עלון מס': **106**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### בעסער ווי טויזנט מאל גילגול שלג

זייער אסאך מענטשן דרייען זיך ארום אין די וועלט איבערגעצייגט אז ווען די שוועריגקייט און די מוטשענישן וואס זיי גייען אריבער וואלט זיך אפגעטון פון זיי, וואלט זייער לעבן געווען בעסער און געשמאקער.

"ווען מיין באס וואלט געווען אביסל מער צוגעשטעלטער....".

הערט מען אמאל א איד זיך אפרעדן.

אדער ווען מיין שכן וואלט נישט געטראכט אגאנצער טאג וויאזוי ער קען גרעסער מאכן זיין דירה...

זיי זענען זיכער אז ווען מען זאל נאר אוועקרוקן די קליינינגקייט פון זייער לעבן וואלט אלעס געווען גלאטער און בעסער, די לעבן וואלט געווען אסאך א בעסערע לעבן.

די סארט מענטשן כאפן נישט אז די פראבלעם ליגט ביי זיי אליין. אינעווייניג אין זייערע הערצער ליגט דער שורש צו אלע שוועריגקייטן. ווען זיי וואלטן ווען געלעבט מיט אמונה און געוואוסט דער אמת'ער אמת אז נישט דער באס פייניגט, נישט דער שכן בויט, אז אלעס הייבט זיך אן און ענדיגט ביי דער עושה ויעשה לכל המעשים, וואלטן זיי געהאט א גוטער לעבן, אויך אויב דער באס וואלט געבליבן מיט זיינע נאטורן און דער שכן וואלט געבליבן א בויער.

ווען דער הייליגער רבי הייבט אן אויסצורעכענען די גוטע מעלות פון א בעל בטחון אין די הקדמה פון שער הבטחון רעכענט ער אויס די דערמאנטע פארדינסטן. ער ווייזט אן וויפיל רואיגער און גליקליכער דער לעבן פון א איד וואלט ווען געווען אויב ער וואלט געלעבט מיט די אמת'ע אנערקענונג.

דער רבי רעדט פון עטליכע ביישפילן און צווישן זיי דערמאנט ער אז די בטחון וועט אים גאראנטירן 'שלא יעבוד זולתו ושלא יקווה לאיש ולא ייחל לבני אדם ולא יעבדם להתרצות אליהם'.

דער איד וואס לעבט מיט די סיבות טראכט טאג און נאכט וויאזוי ער קען יענעם טוישן, וויאזוי ער קען יענעם געפעלן, וויאזוי ער קען איבערצייגן יענעם אז ער זאל וועלן נאכקומען זיינע פאדערונגען. פון צופרי ביז ביינאכט איז זיין מחשבה מאטיווירט אויף דעם, אבער איינמאל ער איז זיך קונה די מידה פון בטחון, ער ווייסט אויף אַן אמת אז יענער איז נישט די זאך, ווערט ער באפרייט פון דינען 'יענעם' און זיך אויספיינען און אהערשטעלן פאר יענעם, ווייל עס וועט דיר סייווי נישט העלפן.

דער רבי לייגט צו נאך א נקודה, אז ביי דער בעל בטחון וועט מקויים ווערן אויך אז ער וועט נישט לעבן אין פחד פון אנדערע און מורא האבן פון מחלוקת, ווייל ער גלייבט אז אלעס פירט זיך פון אויבן און קיין איינער טוט נישט גארנישט אויף די וועלט, אלעס קומט פון השי"ת.

און ווען דער פרעגער וועט פרעגן און וואס וועט זיין מיט אביסל יסורים? מען דארף דאך אפקומען עפעס אויף דער וועלט? און אז מען איז אלעס מקבל באהבה און אלעס גייט געשמירט, האט מען דאך נישט קיין יסורים אויף די וועלט?

די שאלה ענטפערט שוין דער אור לשמים [סוף פרשת בא].

דער אור לשמים זאגט אז אין די פריערדיגע דורות איז דער תיקון הנפש געווען דורך סיגופים און תעניתים. אז א איד איז ליידער נכשל געווארן מיט אַן עבירה האט ער געדארפט מאכן תיקונים, אבער היינטיגע צייטן זענען די תיקונים גרינגער. מען דארף נישט עוסק זיין אין סיגופים, מען קען אלעס פועל'ן דורך אמונה, ווי דער פסוק זאגט 'ובאמונתם יחיו'.

און דורך אמונה און בטחון ווערט מען נישט נאר מסוגף, נאר מען איז אויך ממשיך אויף זיך שפע קודש מלמעלה.

דער דובנא'ער מגיד זצ"ל שרייבט אין זיין ספר שער הבטחון סוף פרק ה' אז די פרוכט פון די בטחון איז השגחה! אז דורכדעם איז מען זוכה צו א ספעציעלע השגחה עליונה מלמעלה.

מיר ווייסן אז מען געבט נישט קיין שכר מצוה דא אויף די וועלט, אבער אז א איד שטארקט זיך אין די מידה פון בטחון איז ער זוכה צו זען די השגחה העליונה, ווי דער פסוק לערנט אונז אויס 'והבוטח בהשם חסד יסובבנו'.

זאל השי"ת געבן אז עס זאל נשפע ווערן פאר יעדן פון אונז ברכת שמים, אויך אלע מתחזקים, לאורך ימים ושנים טובים.

[ארויסגענומען פון שיעור 4-5 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### רבותי - די שוועריגקייט איז דער אוצר!

רעדנדיג מיט א איד האט ער מיר מיטגעטיילט א טייערער געדאנק וואס ער האט זיך קונה געווען במשך די יארן.

"נאך אזויפיל יארן פון שוועריגקייטן האב איך איינגעזען אז די שוועריגקייטן זענען א הכנה פאר עפעס. יעדער מאל איך האב א שוועריגקייט ווער איך פשוט פריילך, איך הייב אן צו דאנקן אויף די גוטס וואס גייט קומען צוגיין".

דער איד האט מיר דערציילט וואס עס איז אריבער אויף אים. מען רעדט פון א לאנגער און אן ענדלאזע מגילה וועלכע שפרייט זיך אויס אויף צענדליגע יארן. עס איז שווער אויסצוהערן די צרות וואס דער איד איז אריבער. עס קען זיך דוכטן אז ענדע האבן זיך זאכן אויסגעגליכן פאר זיי, אבער ניין, אבער אז מען קוקט אויף צוריק זעט מען ווי אזוי די פארמעסט האט אים געשטארקט, עס האט אים געגעבן די כלים ער זאל זיך קענען פארמעסטן מיט די שוועריגקייטן וואס ער האט געהאט אין זיין לעבן.

עס איז געווען שיין צו הערן אזא געדאנק פון א איד וואס לעבט נאך דא מיט אונז אין דעם דור. דער געדאנק ווערט שוין געברענגט דורך דער הייליגער רמח"ל [דעת תבונות דרכי הנהגות המשפט ואהבה].

דארטן זאגט ער אז עס קען זיך דוכטן פאר א איד אז ווען ער זעט א צרה אז השי"ת האט אים פארלאזט, איז אבער דער אמת פונקט פארקערט. אין יענער צייט גרייט אים השי"ת אָן פאר די גאולה, פאר זיין תיקון.

און דער רמח"ל פירט אויס אז פאר יעדער עילוי וואס הקב"ה וויל געבן פאר'ן מענטש האט דער מענטש ערשט א צער.

און אין דער מאמר הגאולה זאגט דער רמח"ל:

ווען אידישע קינדער האבן געמיינט אז השי"ת באהאלט זיך פון זיי, איז דעמאלט די צייט ווען השי"ת גרייט אן פאר די אידן גרויסע און אומבאשצבארע אוצרות, אין די אוצרות לייגט ער כל טוב וטוב, אז דער אויג קען נישט ענדיגן זיך אפזעטיגן פון די אוצרות וואס מען גייט באקומען און ווען עס וועט קומען צוגיין די זמן המנוחה, וועלן זיך אוצרות צועפענען און דעמאלט וועט אראפקומען א שמחה אויף די וועלט, וואס איז נישט געווען כמותו אין די גאנצע וועלט.

מען דארף נאר האבן אביסל סבלנות, ווייל עס ווארט אונז אפ גרויסע זאכן!

א גוט שבת, **פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633
• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## יעדער הויז מיט זיין אדרעס

עס דערציילט ר' יעקב פון די שטאט ביתר:

פאר א שטיק צייט איז אין ארץ ישראל געווען אזא סארט פראגראם אז די רעגירונג האט סובסידירט דירות. דער סדר איז געווען אז מען האט געדארפט ארייגגיין אין א גורל און די געווינער זענען געווען בארעכטיגט צו א סובסידירטע דירה.

איך האב זיך געציילט אויף די געווינער און מען האט מיר גערופן אז איך קען זיך רעגיסטרירן צו קומען אויסוועלן א דירה. מען האט מיר געגעבן די אויסוואל צו וועלן און איך בין ארויס נומער דריי. וויסנדיג אז איך בין פון די ערשטע אויף די ליסטע האב איך גרונטליך באטראכט יעדע דירה מיט זיינע מעלות און זיינע חסרונות, ענדע איז מיר אויסגעקומען אז איך וויל א געוויסע דירה.

איך בין געלעגן ראשו ורובו אין דעם. איך האב חוקר ודורש געווען און ווען מיין שווער האט געזען מיין באגייסטערונג האט ער מיר געזאגט: וואס ביסטו אזוי פארטיפט מיט דעם, די חכמים האבן אונז מגלה געווען אז פאר א מענטש ווערט געבוירן רופט מען אויס אין הימל אז בית פלוני לפלוני.

איך האב געוואוסט אז ער רעדט צו די זאך, אבער דאך...

דער לאנג־ערווארטערטער טאג איז אנגעקומען. איך בין געקומען צופארן צו די אפיס, איך קום אן דארט און מען זאגט מיר אז אזוי ווי מיין בני בית איז אויף א שותף אין די דירה מוז זי אויך קומען.

"אבער זי קען נישט דא זיין פאר א שעה", האב איך זיך באקלאגט.

"וועל איך ארייגרופן די נעקסטע אין די רייע"...

איך בין געווען הילפלאז, אבער דא האב איך זיך געשטארקט אין די ווערטער פון מיין שווער, אז וואס עס איז מיר באשערט איז מיר באשערט. נאכ'ן מקבל זיין באהבה די גזירה, בין איך געווארן רואיגער. ווען מיין ווייב איז אנגעקומען האט מען אונז געגעבן די רעכט צו וועלן א דירה און צום וואונדער!

פונקט די דירה וואס איך האב געוואלט איז נאך געווען צו באקומען.

ווען איך האב געפרעגט דער וואס איז געווען פאר מיר פארוואס האט ער נישט גענומען די דירה, האט ער מיר געגעבן צו פארשטיין אז עס האט איין זאך וואס ער האט נישט געוואלט.

ער האט פארזען די מעלה, אבער איך האב געוואוסט ביי מיר אז עס איז נישט דאס! עס איז פשוט געווען מיין דירה און וואס עס איז געווען באשערט פאר מיר

## א וואנט וואס ראטעוועט

עס רעדט דא א יונגערמאן פון קרית ספר:

ביי אונז אין די געגענט איז געווען א יונגערמאן וואס האט פארגרעסערט זיין דירה. ביים פארגרעסערן האט ער זיך אויך ארויסגעבויט א פארטש (באַלקאָן/טעראַסע).

ווי נאר ער האט אנגעהויבן בויען א פארטש איז דער אונטערשטער שכן געקומען צוגיין צו אים מיט א טענה, ער האט אים געזאגט אז פון זיין פארטש קען מען ארייגקוקן ביי אים אין שטוב.

"איך זאג נישט אז דו זאלסט נישט בויען קיין פארטש, איך וויל אבער אז ווען דו בויסט, זאלסטו צולייגן א וואנט אין די ריכטונג פון מיין שטוב".

דער בויער האט אנגעפרעגט א דעת תורה. מען האט אים גע'פסק'נט אז הלכה'דיג איז ער נישט מחוייב עס צו טון, אבער דאך האט ער מסכים געווען עס צו טון און מיט דעם צופרידענשטעלן זיין שכן.

א שטיק צייט איז אריבער. עס איז שבת ביינאכט פרשת וישב ווען ביי דער בויער האט אויסגעבראכן א פייער. דער איד איז געשלאפן אין זיין שלאפצימער און ער האט גארנישט געהערט. זיינע קינדער האבן זיך אויפגעוועקט און אין שרעק זענען זיי געלאפן צו אים און געקלאפט אויף זיין טיר, אבער דער איד איז געשלאפן זייער טיף, ער האט גארנישט געהערט.

ענדליך, ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, האט ער געזען ווי די פייער איז שוין ביי זיין טיר. ער האט שוין נישט געקענט אנטליפן, די איינציגסטע אויסוועג איז געווען אז ער זאל ארויסלויפן אין פארטש און זיך דארט אויסבאהלטן.

ער האט אזוי געטון אבער די פייער איז אנגעקומען אויך אהין, די איינציגסטע זאך וואס האט אפגעטיילט צווישן אים און די פייער איז געווען די וואנט וואס ער האט געבויט צוליב די שכן.

עס האט זיך ענדע ארויסגעשטעלט אז ער האט געמיינט אז ער האט געבויט די וואנט פאר'ן שכן אבער למעשה האט ער עס געבויט פאר זיך, אז ער זאל זיך קענען ראטעווען מיט איר.

## פארשטיי די שפראך - מען רעדט צו דיר!

עס רעדט א יונגערמאן פון די שטאט אלעד:

איך האב ממש יעצט געהערט א מורא'דיגע מעשה וואס א איד האט מיר דערציילט און כ'שפיר ווי איך מוז עס דא מיטטיילן.

איך האב א נאנטער חבר, א געוואלדיגער איד, ער איז א שטיק חסד, ער איז א איד וואס אטעמט אמונה פון צופרי ביז ביינאכט און מען קען זיך אסאך לערנען פון אים.

אין דעם הינזיכט איז ער מיין רבי, איך לערן זיך אסאך אויס פון אים.

אין א טאג האט דער חבר אנגעהויבן ליידן שווערע ווייטאגן אין זיינע קניה. די ווייטאגן זענען געווען אזוי ביטער אז עס האט אים געשטערט אנצוגיין מיט זיין טאג טעגליכער לעבן.

דער איד האט אסאך מתפלל געווען צום רבוש"ע און זיך אויסגעשמועסט מיט'ן באשעפער און אין דער זעלבער צייט האט ער געמאכט אסאך השתדלות, ער האט באזוכט ביי דאקטורים, מען האט געמאכט טעסטן, מען האט געשמירט שמירעכטס, אבער קיין איין מיטל פון זיי האבן נישט געברענגט די פאזיטיווע רעזולטאטן, די דאקטורים האבן נישט געוואוסט פון וואס עס קומט, די שמירעכטס האבן נישט פארגרינגערט די ווייטאג, און ער געבליבן מיט זיין ווייטאג.

ווען איך האב אים באגעגענט אין די יעניגע טעג און אים געפרעגט וואס ער מאכט, האט ער מיר געזאגט אז אזוי איז עס! דאס וויל השי"ת פון מיר!

עס איז געווען איינער פון די חנוכה נעכט ווען די קניה האט זיך אזוי צושפילט, אז די יסורים זענען געווען אומדערטרעגליך.

"רבונו של עולם", איז דער איד געלעגן אין בעט און געוויינט.


איין יסוד אויף 4 שפראכן

4 שפראכן - איין אמונה אין בורא יתברך

לשון הקודש | אידיש | ענגליש | פראנצויזיש

"איך ווייס אז דו ווילסט מיר עפעס זאגן, אבער כ'ווייס נישט וואס דו ווילסט מיר זאגן"...
דער איד האט זיך געענדיגט אויסשמועסן מיט'ן באשעפער ווען פלוצלונג האט ער באמערקט די מזוזה ביי אים אין צימער. שפירנדיג אז מען רעדט צו אים פון הימל האט ער אראפגענומען די מזוזה פון וואנט און עס איבערגעקוקט און עס געליינט.

מיטאמאל איז אים פינסטער געווארן פאר די אויגן. ער האט באמערקט אז ביי די ווערטער 'ובלכתך בדרך' איז דא א טיפע קריץ, דער ד' זעט אויס ווי א ב', אנשטאט 'בדרך' שטייט 'בברך'.

א שרעק איז אים באפאלן. דער איד האט פארשטאנען דער וואונק. וויסנדיג פון א סופר וואס שרייבט ביינאכט האט ער אים אנגעקלינגען און אים דערציילט איבער די מעשה. דער חבר האט אים געזאגט אז ער זאל אים אריבערברענגען די מזוזה. דער סופר האט עס איבערגעקוקט און באשטעטיגט אויפ'ן ארט אז עס איז פסול.

"אבער מען קען עס פאררעכטען", האט דער סופר געזאגט.

אויפ'ן ארט האט ער עס פארראכטן.

נאכ'ן פאררעכטען האט מען צוריקגעלייגט די מזוזה און הפלא ופלא! די ווייטאגן זענען גלייך אוועק, ווי זיי וואלטן קיינמאל נישט דארט געווען....

מען קען זיך אסאך ארויסלערנען פון די מעשה, אבער כ'מיין אז דער הויפט לימוד איז די קלארקייט פון מיין חבר, אז ער האט פארשטאנען מיט א פשטות אז השי"ת רעדט צו אים, ער וויל עפעס פון אים.

## די תפילה וואס פארשטאפט די לאך

מיט עטליכע יאר צוריק האב איך זיך געבויט א נייער פארטש. עטליכע יאר שפעטער האט מיין שכן וואס וואוינט א שטאק אונטער מיר זיך אויך געוואלט בויען א פארטש. דער שכן האט מיר געפרעגט צי עס וואלט מיר געשטערט אז ער וועט נוצן די ערד פון מיין פארטש פאר זיין דאך.

נו, וואס שטערט מיר? איך האב אים געגעבן די פולסטע ערלויבעניש און ער האט זיך גענומען צו די מלאכה. מען האט געענדיגט די ארבעט, אבער דא האט זיך אנגעהויבן א פרישע צרה.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז פון מיין פארטש רינט אראפ וואסער צו זיין צימער. דער איד האט מיר געבעטן צי איך קען עס מסדר זיין. איך האב געלאזט רופן א מייסטער. יענער האט באטראכט די פראבלעם און מיר געזאגט אז עס איז אן ערנסטע און אן אינערליכע פראבלעם און עס מסדר צו זיין דארף מען אויפאקערן די ערד.

אזא מעשה קאסט אפ געלט און איך האב נישט געהאט די געלט.

בצר לי, האב איך געטון וואס א איד דארף צו טון, איך האב מתפלל געווען מעומקא דליבא, אז השי"ת זאל מיר שיקן די ישועה. נאכ'ן דאווענען בין איך געגאנגען איינקויפן א סארט מאטריאל וואס איז געבויט צו פארשטאפן לעכער און עס אנגעשמירט לענגאויס מיין פארטש, וואו איך האב געהאט א פארדאכט אז עס קען זיין דארט א לאך.

די אלע עצות וואלטן נישט געדארפט העלפן בדרך הטבע, אבער אז עס איז דא סייעתא דשמיא האט עס געמאכט די דזשאב, אלעס איז מיטאמאל געווארן טרוקן, מיין שכן האט זיך מער נישט באקלאגט, עס איז ביי אים טרוקן.

## דער צדיק רופט מיר פון יענע וועלט

עס דערציילט הרב ר' ישראל מאיר גבאי שליט"א:

פאר יארן לאנג האב איך א מנהג אז איינמאל א חודש גיי איך אריין צום ציון פון הרה"ק ר' שלום שכנא פון פראהביטש זצ"ל און איך צינד דארט אן א ליכט, די ליכט ברענט א גאנצער חודש.

עס איז געווען ראש חודש טבת. איך בין שוין געווען אין פראהביטש און איך בין יעצט געווען אויפ'ן וועג קיין אומאן, וואו איך וועל ווײלן אויף שבת חנוכה. אזוי פארנדיג האב איך געזען א שילד פון די שטאט ליניץ. איך האב געבעטן דער דרייווער אז ער זאל געבן א פאָר אריין. מען איז אריינגעפארן און איך בין אריין אין די בית החיים. איך געב א קוק אויף די מצבה און צו מיין וואונדער זעה איך אז היינט איז די יארצייט פון הרה"ק ר' גדלי' מליניץ זי"ע פון די גדולי תלמידי בעשטה"ק.

עס איז געווען א שטארקע הארה אז פונקט אין דעם יארצייט טאג איז מיר איינגעפאלן אריינצופארן אין די שטאט ליניץ.

דאס איז געווען אוועקגעלייגט פאר מיר ווייל בית פלוני לפלוני.

## רבוש"ע! עפן מיין הארץ אין תורה!

מיין נאמען איז אלחנן שרייבער:

נאך יארן לאנג וואס איך בין געווען א ביזנעסמאן האב איך באשלאסן אז איך האב שוין גענוג עוסק געווען אין האנדלעריי, יעצט וויל איך אויסנוצן די יארן אויף תורה.

אלע יארן האבן די ארומיגע באוואונדערט מיין גוטער קאפ. מען פלעגט מיר זאגן אז אויב איך וואלט עס אריינגעלייגט אין ש"ס ופוסקים וואלט איך געוואקסן א גאון.

און יעצט איז געקומען די צייט צו נוצן מיין גוטער קאפ פאר תורה. איך האב זיך געצויגן אויף ארץ ישראל און זיך אריינגעזעצט אין א כולל און געעפענט א שלחן ערוך, אבער איך האב זיך גענארט.

עס האט זיך נישט געלערנט! איך האב געשפירט ווי מיין קאפ איז פשוט פארשטאפט. עס גייט גארנישט אריין. אין אנהייב האב איך זיך געטרייסט אז עס איז אן איבערגאנג. עס וועט אריבערגיין א טאג, צוויי און די זאכן וועלן זיך טוישן.

אבער ווען עס איז נישט אריבער האב איך אנגעהויבן ווערן אביסל באזארגט. מיין זארג האט זיך געטוישט צו א ביטערע און א שווערע אנטוישונג. איך בין געווארן צובראכן פון דעם. דא האב איך געמאכט אזא דראסטישע טויש און אוועקגעווארפן מיין ביזנעס און דא איז מיין הארץ פארשטאפט.

נאך עטליכע טעג פון זיך מוטשענען בין איך געווארן זייער צובראכן. איך האב אראפגעלייגט מיין קאפ אויפ'ן גמרא און אנגעהויבן רעדן צום באשעפער און זיך אויסגעוויינט מיט א געוויין בעטנדיג אז ער זאל מיר ליכטיג מאכן אין די גמרא.

"איך וויל באמת קענען", האב איך זיך געבעטן.

א לענגערע צייט בין איך אזוי געלעגן און זיך אויסגעוויינט. איך ווייס אליין נישט ווילאנג עס איז געווען, אזויפיל ווייס איך אז עס איז געווען א בקשה מעומק הלב.

צומארגענס האב איך נאכאמאל אנגעהויבן פון אנהייב און פלוצלונג האט זיך אלעס געעפענט. אלע בלאקירונגען וואס זענען געווען ביז יעצט זענען ווי פארשווינדן געווארן. דער אלטער גוטער קאפ איז צוריקגעקומען, ממש כנתינתם מסיני.

איך האב זיך געלערנט פון דעם אז תפילה העלפט. עס העלפט בגשמיות אבער ווען א איד בעט אויף רוחניות איז עס א פארזיכערטע ישועה. איך דערצייל דא די מעשה אז מען זאל עס וויסן אז אויך ווען עס גייט נישט ברוחניות זאל מען בעטן השי"ת און מען וועט זוכה זיין אז די טויערן וועלן זיך עפענען.




השגחה פרטית - דער גליון וואס דערנענטערט אידן צו זייער הייליגער מקור

זייט אויך פון די וואס פארשפרייטן די הייליגע אמונה! דערציילט איבער די גליון פאר אייערע נאנטע - באקאנטע - פאר אייער ברודער - זיידע - קרוב - פון היינט האט יעדער פון וואו צו שעפן אמונה אין זיין שפראך

שרייבט אייך איין און שרייבט איין אנדערע - מאכט א טויש אין אייער לעבן - לעבט רואיגער און צופרידענער און מיט מער מנוחת הנפש ווייל איר לעבט מיט'ן באשעפער

צו באקומען די גליון - שרייבט זיך איין דא: B023011300@gmail.com

# צוהערער פרעגן
## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

איינס פון די גרעסטע און חשוב'סטע מידות וואס איז דא ביי אידן איז די מידה פון הכרת הטוב. אידן אין אלע דורות האבן געלעבט מיט הכרת הטוב. אז איינער האט דיר אמאל א טובה געטון האט מען עס געדענקט אויף אייביג, אבער דאגעגן איז באקאנט די ווערטער פון דעם הייליגן חינוך אז דער טעם פון לא תקום און לא תטור, נעמט זיך פון דעם אז מען וויל אז א מענטש זאל געדענקען אז א מענטש מאכט נישט גארנישט, אלעס מאכט דער רבוש"ע. דער וואס טוט דיר עפעס איז א שליח פון דעם רבוש"ע. איך האב געוואלט וויסן, וויאזוי גייען דיביידע זאכן צוזאמען? אדער זאג איך אז יענער האט מיר עפעס געטון און כ'דארף אים מכיר טובה זיין און אויך ווען ער טוט שלעכטס דארף ער זיין די אדרעס, אדער זאג איך אז יענער איז גארנישט. איך וויל וויסן וויאזוי די צוויי זאכן גייען צוזאמען. שאלה נומער 58 ד.ה. ירושלים

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### צו דאנקען אויף די פארשטעלטער 'טוב'

**הרב יוסף אריה פאללאק פון אשדוד:** מיר ווייסן אז פון הימל גייט נישט אראפ קיין רע. אויך א זאך וואס זעט אויס שלעכט באהאלט אין זיך א טובה. אז מען ווייסט עס און מען דערהערט עס פארשטייט מען אליין אז עס איז זינלאז נקמה צו נעמען אין דער וואס ברענגט דיר צו די שלעכטס, ווייל יענער מענטש האט דיר נישט געטון קיין שלעכטס, אדרבה, מען דארף אים מכיר טובה זיין.

### א תיקון פאר אונזערע נשמות

**הרב דוד לייפער פון ירושלים:** די שאלה וואס דו שטעלסט פאָר איז זייער א גוטע שאלה אבער מען דארף אויסקלארן איין זאך. עס דוכט זיך דיר אז די מצוה פון הכרת הטוב איז מכיר צו זיין די טובה וואס יענער האט געטון מיט אונז, אבער נישט וועגן דעם האבן מיר באקומען די מצוה. השי"ת וויל אז מיר זאלן מכיר טובה פאר א צווייטן ווייל דורכדעם וועלן מיר ווערן מער בעסערע מענטשן. אז א איד געוואוינט זיך איין מכיר צו זיין יענעם פאר א טובה, וועט ער דורכדעם מכיר טובה זיין פאר השי"ת. די געדאנק טרעפן מיר אין ספר החינוך [כלל לג מצות כיבוד אב ואם]. דער חינוך זאגט דארט ממש די ווערטער, אז א מענטש דארף מכבד זיין זיינע עלטערן ווייל אז ער וועט זיי מכיר טובה זיין, וועט ער אנקומען פון דעם צו מכיר טוב זיין השי"ת פאר די חסדים וואס ער טוט מיר אים. דער געדאנק טרעפן מיר אויך ביי די מַכּוֹת אז השי"ת האט געזאגט פאר משה רבינו אז ער זאל נישט שלאגן די ערד ווייל ער דארף מכיר טוב זיין פאר די ערד, דער באשעפער האט אים געוואלט אויסלערנען אז אפילו פאר א דומם דארף מען מכיר טובה זיין, ווייל ער האט געוואלט איינווארצלען אין אים די גוטע מידה פון הכרת הטוב, ער זאל דורכדעם צוקומען צו די ריכטיגע הכרת הטוב, מכיר צו זיין אין די טובה פון השי"ת פאר אים.

**הרב אהרון בייפוס פון רכסים:** די התרחקות פון נקמה און די הכרת הטוב איז ממש איין זאך. דורךביידע זאכן קומט מען אן זיך איינצוהאנדלן גוטע מידות, אז מען האלט זיך איין פון נקמה דערווייטערט מען זיך פון די שלעכטע מידות, אז מען איז מכיר טובה ווערט מען נענטער צו די גוטע מידות.

נאכדעם וואס מיר ווייסן אז אלעס קומט פון השי"ת האבן מיר נאך הסברים פארוואס דווקא אויף די טובה דארף מען מכיר טובה זיין און אויף די רעה טאר מען זיך נישט נוקם ונוטר זיין. איין געדאנק הערן מיר פון **הרב אליהו סטאל פון גבעת זאב בשם דער משגיח הגה"צ רבי חיים פרידלענדער** אז מיר זענען מכיר טובה דער מענטש אז ער האט בוחר געווען בטוב, אדער אויף דעם אליין אז השי"ת האט אים בוחר געווען אז ער זאל זיין א גוטער שליח, ווייל מיר ווייסן פון דעם כלל אז מגלגלין זכות על ידי זכאי, **הרב ישעיהו אבעלעס פון אלעד** לייגט צו נאך א נקודה אז די הכרת הטוב איז אויף די אהבה וואס ער גיבט אונז, עס איז אמת אז השי"ת האט בוחר געווען די טובה פאר אונז, אבער אז ער איז דער מיטיב האט ער זיכער אן אהבה פאר אונז און וועגן דעם זענען מיר אים מכיר טובה. **נאך א געדאנק זאגט אונז הרב מנחם כהן פון ירושלים** די טובה וואס השי"ת שיקט אונז איז א שפע פון השי"ת, די רעה איז נישט קיין שפע, עס איז אן עצירת השפע, מיר זענען מכיר טובה פאר דעם איד אז ער איז געווען א גוטער צינור פון שפע פאר אונז. **הרב דוד הערשלער פון ירושלים:** די גמרא זאגט אין מסכת בבא קמא דף צב "חמרא למריה טיבותא לשקייה". אז די וויין געהער פאר'ן בעל הבית אבער מיר באדאנקען זיך פאר דער אנטרינקער און די זעלבע זאך איז אויך דא. מיר דאנקען דער בעל הבית פון די וויין אבער מיר דאנקען אויך פאר ווער עס טרינקט אונז אן. מען זעט פון די גמרא אז אויף די שליחות אליין דארף מען דאנקען. דאגעגן ביי נקמה איז מען נישט מקפיד, ווייל ער איז בסך הכל געווען דער שליח.

## א שאלה פאר גליון 108

אין משנה ברורה סימן א' סקי"ג ווערט געברענגט אז וועגן דעם האט מען איינגעפירט אז אידן זאלן זאגן טעגליך פרשת המן, אז דער איד זאל זיך אויסלערנען אז איבריגע השתדלות העלפט אים נישט. פון זיינע ווערטער איז משמע אז עס איז דא די געהעריגע השתדלות און עס איז דא איבריגע השתדלות. איך האב געוואלט וויסן וואס איז דער גרעניץ פון ריכטיגע השתדלות און פון איבריגע השתדלות?

נ.ג. ירושלים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת בשלח. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט
## אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

וואס זאגט מען, טייערע קינדער? האב איך געפרעגט די קינדער וואס לערנען ביי מיר נאכ'ן אויסטיילן פאר זיי א געשמאקע נאשעריי.

יעדער האט רעאגירט אנדערש, איין קינד האט געזאגט א שטילער יישר כח, דער צווייטער האט גארנישט געזאגט און דער דריטער האט זיך העפליך באדאנקט.

ווער פון די דריי האט די גרעסטע שאנס צו באקומען נאכאמאל א נאשעריי?

נאך איידער זיי האבן געקענט ענטפערן די שאלה האב איך זיי ווייטער געפרעגט.

ווען א אינגעל קומט אריבער צו מיר און ער זאגט מיר רבי, איך האב דיר ליב, צי ווייסן ענק וויאזוי עס שפירט זיך?

איך מיין אז עס פעלט נישט אויס אויסצופירן ווייטער, עס זאגט זיך פון זיך אליין.

דער באשעפער געבט אונז אזויפיל גוטס. זאגט אים 'יישר כח'. אבער מורמלט נישט אפּ א יישר כח, זאגט עס מיט א פולער מויל! מיט אסאך חיות, זאגט אים אז איר האט אים ליב! און זאגטס עס מיט'ן גאנצן הארץ.

אז מען זאגט אזוי עפענט עס אויף אלע רערן פון שפע, אלע ישועות הייבן אן צו רינען אן אויפהער.

אין די היינטיגע וועלט פעלט נישט אויף וואס צו דאנקען! מען דארף נאר עפענען די אויגן און מען קען אלעס זען. עס איז דא אזויפיל צו עסן. יעדער האט ברויט,

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור
### פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד
### זאגט א גרויסן 'יישר כח'

יעדער האט וואס צו צועסן מיט די ברויט. אמאל איז די אלע זאכן נישט געווען. כאפט אמאל א שמועס מיט א איד וואס האט געלעבט אין די אמאליגע אייראפע, עס איז גארנישט געווען דארט, מען האט נישט געהאט קיין ברויט צו עסן, אדער א איד וואס האט געוואוינט אין ירושלים מיט הונדערט יאר צוריק, מען איז פשוט אויסגעגאנגען פון הונגער און היינט האט מען אזויפיל אז מען ווייסט נישט וואו אנצוהייבן.

מען האט שוין אזויפיל אז מען דארף שוין טראכטן וועגן אויפהערן עסן - וועגן מאכן א דיעטע.

נישט לאנג צוריק האבן זיך געוואנדן צו מיר עלטערן. זיי האבן א קראנקער קינד ל"ע. די דאקטורים האבן שוין געהויבן הענט. איך האב זיי גע'עצה'ט אז יעדער איינער פון זיי זאלן מקדיש זיין א האלבע שעה אין טאג ווען ער וועט דאנקען השי"ת. אין די ערשטע פאר מינוט זאלן זיי זאגן השי"ת, מיר האבן דיר ליב און נאכדעם זאלן זיי אנהייבן צו דאנקען און זיך מתבונן זיין על כל הטוב וואס השי"ת האט געמאכט מיט זיי.

זיי האבן אזוי געטון פאר דריי וואכן און וואונדערליך, דאס קינד איז געווארן אינגאנצן געזונט.

דאס וויל השי"ת פון אונז, ער וויל אז מיר זאלן אים דאנקען און דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין לכל הטוב און צו די ריכטיגע און ריינע שפע טוב.

די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד די באטשאלינער**

איך וויל איבערגעבן א פערזענליכער דאנק פאר די שיינע 'שיחות חברים' פראגראם אויף די האטליניע. עס איז אויסערגעווענליך שיין. די שמועסן אין איר זענען אזוי לעבעדיג און מלא חיות. עס געבט מיר אזויפיל חיות און פרישקייט, אז איך שפיר ממש, אז דאס האט דער פסוק פון 'פיקודי השם ישרים משמחי לב' געמיינט.
חיזקו ואמצו

**מצד די געבער**

פאר א לענגערע צייט האט אונזער טאכטער זיך נישט געשפירט גוט. זוכנדיג צו טון א גוטער זאך פאר איר רפואה האבן מיר באשלאסן אז מיר גיין טון וועגן אמונה. מיר האבן תורם געווען א שיינע סומע געלט פאר די גליונות. אזוי אויך האבן מיר זיך אונטערגענומען אז מיר גייען מפרסם זיין די ישועה. מיר האבן אזוי געטון און עס האט נישט געדויערט לאנג און די ישועה איז געקומען צוגיין.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג
אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט
און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס
קינדער יראים ושלמים
רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
|---|---|---|
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |

טייערע לייענער
לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדרוקטע קובצים פון די גליונות.
מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.
אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:
9722-6-313-742

ווילט איר אנטייל נעמען
אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט
קלינגט אריין אין אפיס
02-5866-075
מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער איסהערן קריאת התורה